# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וארא תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 467

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'שני קולות' קען מען נישט הערן

**"וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה לִפְנֵי ה' לֵאמֹר הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה וַאֲנִי עֲרַל שְׂפָתָיִם"** (ו יב)

אסאך פלאגן זיך צו פארשטיין דעם 'קל וחומר': די סיבה פארוואס די אידן האבן נישט צוגעהערט צו משה איז געווען: "מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה" (לעיל פס' ט), און פארוואס זאל נישט צוהערן צו זיי פרעה וואס זיצט אויף זיין קעניגליכן שטוהל אומגעשטערט?

**רבי שאול לעווינשטאם** אב"ד אמסטערדאם ענטפערט:

משה איז געווען א 'כבד פה', ער האט נישט געקענט געהעריג ארויסזאגן די ווערטער, און האט געדארפט צוקומען צו די הילף פון אהרן (שמות ז א), און די חכמים זאגן אז ווען זיי האבן גערעדט "הדיבור היה יוצא מביניהם כאילו שניהם מדברים" (מכילתא דרבי ישמעאל מס' דפסחא פ"ג).

נאך וועל איך מקדים וואס די חכמים זאגן אין מסכת ראש השנה (כז א) אז מען קען נישט הערן צוויי קולות צוזאמען, וועגן דעם צוויי מענטשן וואס ליינען צוזאמען אין ספר תורה קענען זיי נישט מוציא זיין אנדערע. אבער זאכן וואס זענען באליבט ביים ציבור אזוי ווי הלל און מגילה, אפילו צען מענטשן ליינען צוזאמען קענען זיי מוציא זיין אנדערע, ווייל צוליב די ליבשאפט צו דעם הערט מען זיך גוט איין, כאטש עס זענען 'שני קולות'.

דאס האט משה גע'טענה'עט: ווייל צוליב דעם וואס איך בין "עֲרַל שְׂפָתָיִם" בין איך געצווינגען צו רעדן מיט 'שני קולות' וואס ווערט נישט געהערט, און אויב "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי" צו די בשורה פון די גאולה, כאטש די בשורה איז דאך באליבט אויף זיי, "וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה" וואס די בשורה איז פאר אים שווער?!

'בנין אריאל'

### כח און גבורה ביי די ברכה אויף די דינער

**"וְאוּלָם בַּעֲבוּר זֹאת הֶעֱמַדְתִּיךָ בַּעֲבוּר הַרְאֹתְךָ אֶת כֹּחִי וּלְמַעַן סַפֵּר שְׁמִי בְּכָל הָאָרֶץ"** (ט טז)

אין דער פסוק וואס איז געזאגט געווארן אין די ווארענונג פון משה אויף מכת ברד וואס איז געווען באגלייט מיט קולות און ברקים, ווערט דערמאנט סיי דער לשון 'כח' אזוי ווי עס שטייט: "בַּעֲבוּר הַרְאֹתְךָ אֶת כֹּחִי", און סיי דער לשון 'גבורה', און אזוי ווי אונקלוס טייטש: ""וּלְמַעַן סַפֵּר שְׁמִי" - 'דיהון משתען גבורת שמי'". און מען קען זאגן אז צוליב דעם האבן די חכמים מתקן געווען צו דערמאנען ביי דער נוסח פון די ברכה אויף די דינער "שכוחו וגבורתו מלא עולם".

'ברכת איש'

## "המכין מצעדי גבר. אמן"

טייערע לייענער!

א טייערע פארלוסט האב איך פארלוירן לעצטע וואך.

מיין טייערע מאמע, מרת דבורה הכ"מ בת ר' דוב הי"ד, איז נפטר געווארן נאכן זוכה זיין צו א אויסטערלישן אריכות ימים, איבערלאזנדיג נאך איר א הערליכע משפחה, פינף דורות פון יראים ושלמים, זרע ברך ה'.

ביי איר פטירה, וואס האט מיך פלוצלינג אנגעטראפן, האב איך זוכה געווען צו זעהן א וואונדערליכע השגחה פרטית וואס האט נישט קיין נאטירליכע ערקלערונג:

זעקס טעג בעפאר זי איז נפטר געווארן בין איך אנגעקומען קיין ארץ ישראל זיך צו באטייליגן אין א שמחה אין די משפחה. איך קום נישט אפט אהער, און צוליב עפעס א סיבה האב איך דאסמאל געפילט אז איך מוז קומען. איך דאנק ה' יתברך וואס האט מיר אריינגעגעבן דעם געדאנק אזוי צו טון, און מיט דעם מיר צו שענקן די זכות צו זיין ביי מיין מאמע און איר באגלייטן אין די לעצטע טעג פון איר לעבן.

דעם לעצטן שבת האב איך געהאט די זכיה צו זיין ביי איר אין שטוב צוזאמען מיט איר, און איך האב איר דערפרייט מיטן זינגען די לידער פון אבי מורי זצ"ל וואס איז נפטר געווארן מיט צוואנציג יאר צוריק. אינמיטן וואך האב זיך ארום געדרייט אין די מוסדות החינוך, מעורר און מחזק זיין די מצוה פון ענטפערן אמן, אזוי ווי איך האב עס בירושה פון מיין פאטער און מוטער זכרונם לברכה, ווען איך בין זוכה צו באזוכן און אויפטרעטן אין מער ווי אין צוואנציג פארשידענע מוסדות איבער גאנץ לאנד.

מאנטיג אינט, אין א שפעטע נאכט שטונדע, האב איך געדארפט אהיים פליעהן. פארנאכט בין איך ארויף צו מיין מאמע'ס הויז, פארברענגען מיט איר די לעצטע שעה'ן פון מין באזוך, און שעפן פולע האפענ'ס פון איר גרויסן גסט צו קענען פארזעצן מיין וועג... בעפאר איך בין ארויס צום לופט-פעלד, האב איך זיך אראפגעבויגן און געבעטן איר ברכה, און מיט א שטראלנדיגן פנים און א אויפגעהויבענע געמיט האט זי געלייגט אירע הענט אויף מיין קאפ און א לאנגע צייט מיך געבענטש פון טיפן הארצן.

איך בין ארויס פון איר הויז מיט א גוטע געפיל אויפן וועג צום לופט-פעלד. ביי די אריינגאנג צו די לופט-פעלד בין איך אראפ, און איך בין גלייך געגאנגען צו די זיכערהייט-קאנטראל. אין א קורצע צייט האב איך געדארפט זיצן אויפן עראפלאן, אבער מיטאמאל קליגט מיך אן מיין גוטער פריינד וואס האט מיר יעצט געברענגט צום לופטפעלד און געבעטן איך זאלווארטן... "אין די מינוט האט מען מיך אינפארמירט אז דיין מאמע איז פלוצלינג צוזאמגעפאלן" - האט ער געזאגט.

איך בין געווארן געשאקט, און פארשטייט זיך אז איך קען נישט פארזעצן מיין וועג. איך האב זיך אויסגעדרייט און צוריק געפארן צו מיין מאמע'ס הויז. איך האב געהאט די זכות צו זיין נעבן איר אין די לעצטע מינוטן פון איר לעבן, און בערך צען מינוט נאכן צוריקקומען, האט זי צוריקגעגעבן איר לויטערע נשמה צום באשעפער, ווען ארום איר בעט זענען דא א מנין פון אירע קינדער, און איך צווישן זיי, וואס שרייען 'שמע ישראל'.

שטעלט אייך פאר, טייערע לייענער; וואס איז די שאנס פון א איד וואס וואוינט אין חו"ל און קומט נישט אפט קיין ארץ ישראל, צו האבן די זכות צו זיין ביי זיין מוטער'ס בעט ווען זי ווערט נפטר פון דער וועלט?! איך וואלט געקענט פארפעלן אזא געלעגנהייט אפילו ווען איך וואלט געוואוינט אויף דער אנדערער גאס...

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

מיטן אויבערשטנ'ס הילף האב איך צו דעם זוכה געווען! מיין טייערע מאמע, וואס האט זיך מוסר נפש געווען, כפשוטו וכמשמעו, אויף די תורה פון אירע קינדער, האט 'געווארט' מיט איר נאטירליכן שטילקייט ביז איך האב פארענדיגט א וואך פיל מיט אקטיוויטעטן צו מחזק זיין דאס ענטפערן אמן, און אנגעיאגט מיך צו באגלייטן מיר הארציגע ברכות, און עטליכע מינוט פארן צוריק פליעהן האט זי מיר נאכאמאל 'גערופן', צו זיין נעבן איר אין די צייט פון איר יציאת נשמה.

איך האב פארלוירן א גרויסע פארלוסט, אבער איך וועל זיך טרייסטן מיט דעם וואס איך בין זוכה ממשיך זיין די ירושה פון מיין עלטערן'ס הויז, צו פארשטארקן דאס ענטפערן אמן מיט אלע כוחות, און שענקען פאר מיין מאמע א 'קבלת פנים' וואס ווייניג זענען זוכה צו דעם - דורך צענדליגער טויזנטער מלאכי השרת וואס זענען באשאפן געווארן א דאנק 'בני אמונים'.

איך בעט שטארק צום אויבערשטן אז איך זאל קענען פארזעצן די הייליגע אקטיוויטעטן נאך אסאך לאנגע יארן, מחזק זיין מיט אלע כוחות דאס ענטפערן אמן, און זען נאר געזונטערהייט, אריכות ימים, נחת און הרחבת הדעת, איך מיט מיין גאנצע משפחה, ביז דער גואל צדק וועט קומען במהרה בימינו "וימלא כבודו את כל הארץ אמן ואמן".

**מיט א ווואנטש "ולבשורות טובות ונאמר אמן"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# 'כי מלאכיו יצוה לך לשמרך'

די וואונדערליכע מעשה ווערט פאר אייך דערלאנגט לכבוד די יומא דהילולא פונעם הייליגן רבי'ן בעל 'אש דת' פון אזורוב זצ"ל וואס געפאלט אויס דעם קומענדיגען וואך א' שבט, און איז דערציילט געווארן דורך דעם באקאנטן משפיע הגה"צ רבי אהרן טויסיג שליט"א.

צווישן די אנדערע הייליגע הנהגות איז דער רבי בעל 'אש דת' פון אזורוב געווען געוואוינט צו ערוועקן דעם עולם איבער די וויכטיקייט פון תפילה מיט אלע אירע ענינים. באזונדער האט ער שטארק מקפיד געווען אויף די איסור פון רעדן בשעת'ן דאווענען.

כאטש אין אלע זיינע הנהגות איז דער רבי געווען 'רך כקנה', ווייך ווי א שטעקן, און באזונדער האט ער מקפיד געווען צו רעדן גוט'ס אויף כלל ישראל, אבער ווען עס האט זיך געהאנדלט איבער כבוד התפלה האט ער זיך אנגע'גארטל'ט מיט א שטארקייט, און ווען ער האט געפילט אז עס איז וויכטיג, האט ער זיך נישט אפגעהאלטן פון צו מעורר זיין און מוסר-זאגן אפילו פאר די נאנטסטע צו אים.

קיינער פון די אנוועזנדע וועט זיכער נישט פארגעסן די דערהויבענע מעמד וואס איז פארגעקומען איין יאר נאכן זאגן 'כל נדרי'. ווען דער בעל תפלה האט געדארפט אויסשרייען די ווערטער: "ונסלחה לכל עדת בני ישראל...", האט דער רבי אים מיטאמאל געוווינקען ער זאל זיך אפשטעלן.

די מתפללים האבן אפגעשטעלט זייער אטעם און האבן געקוקט ווי דער רבי שטעלט זיך אויף פון זיין ארט און שטעלט זיך נעבן די בימה, ווען



דער רבי 'אש דת' פון אזורוב אין זיין יוגנט

זיין טלית וואס האט פארדעקט זיין קאפ און איז געווען אראפגעהאנגען איבער זיין פנים, האט אים געמאכט אויסזען ווי א מלאך אלקים.

מיט א שטילע שטימע האט דער רבי אנגעהויבן זאגן:

"רבותי! דער פסוק זאגט (בראשית מד טז): 'מה נאמר... מה נדבר ומה נצטדק;' 'מה נאמר' - איז א לשון רכה, א ווייכע שפראך - דאס מיינט תפילה, 'מה נדבר' - איז א לשון קשה, א שטרענגער שפראך - דאס זענען די דיבורי חולין וואס ווערן גערעדט בשעת'ן דאווענען און זענען מעורר א קטרוג אויבן".

אין דער מאמענט האט דער רבי' אויסגעדרייט זיין פנים צום גאנצן ציבור, און אויפגעהויבן זיין שטימע און געשריגן מיט התרגשות:

"'ומה נצטדק???'; איך פיל אז אין הימל איז נתעורר געווארן א גרויסער קטרוג אויף אונזערע תפילות, כאילו די טויערן פון תפילה זענען פארמאכט געווארן, ווי אזוי קענען מיר זיך פארענטפערן אין בית דין מעלה אנטקעגן דעם גרויסן קטרוג וואס איז נתעורר געווארן אויף אונז?!

צו מיין ווייטאג וועלן מיר נישט קענען פארזעצן דאס דאווענען ביז דא אין בית המדרש וועט געהערט ווערן א קלארער הבטחה אז פון היינט און ווייטער נעמען זיך די מתפללים אונטער אכטונג געבן דאס מויל פון צו רעדן בשעת'ן דאווענען!"

נאכדעם וואס דער רבי האט פארענדיגט זיינע שארפע ווערטער, איז ער צוריק געגאנגען צו זיין פלאץ און שטילערהייט זיך ווייטערגעזעצט אויף זיין שטול.

אין בית המדרש האט געהערשט א שטילקייט. א שרעק און א ציטער האט ארומגענומען די מתפללים. די פייערדיגע ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן פון אזא הייליגע מויל, ביים אריינגאנג פון אזא הייליגן טאג, האט געקלאפט אויף זיי ווי מיט טויזנטער האמער'ס, און זענען געשוויגן און געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט איבערראשונג.

צום סוף, דריי פון די נאנטע האבן זיך געשטארקט און צוגעגאנגען צום רבי'ן און צוגעזאגט אז פון היינט און ווייטער נעמען זיי זיך אונטער צו אכטונג געבן אין שול ביי אלע תפילות אז קיינער זאל נישט קענען רעדן בשעת'ן דאווענען.

ווען דער רבי' האט געהערט די פעסטע צוזאג, איז ער תיכף אראפגעשפרונגען פון זיין שטול, אויפגעהויבן די הענט צום הימל, און געשריגן פון טיפעניש פון הארץ: "יעצט, ווען דער קטרוג איז אוועקגענומען געווארן, קענען מיר זאגן 'ונסלח'!".

איינער פון זיינע נאנטע מקורבים, דער בארימטער שרייבער רבי שלום חיים פרוש, האט צוגעלייגט און דערציילט וואס זיינע אויגן האבן אליינ'ס געזעהן:

פון יענעם טאג און ווייטער האט געהערשט א שטילקייט בשעת'ן דאווענען כמעט אינגאנצן. די מערהייט פון די מתפללים האבן זייער אכטונג געגעבן אויפן רבי'נס ווערטער. אבער עס איז געווען איינער וואס דער יצר הרע האט אין אים געברענט ווי א פייער און אים שטענדיג אויפגערייצט ער זאל גרינגשעצן אין די קבלה וואס די מתפללים האבן זיך אונטערגענומען. דער רבי האט דאס באמערקט, און האט אים אפילו מעורר געווען צוויי צי דריי מאל, אבער אן קיין נוצן.

אין טאג איז דער מענטש פלוצים אריין צום רבי'ן אין זיין אויפנאמע צימער און האט מיט שרעק אויסגעשריגן: "רבי, ראטעוועט מיך!"

מיט א צעבראכענע און צעהאקטע שטימע האט דער מענטש דערציילט פארן רבי'ן איבער זיין שווערע פראבלעם:

"מיין טייערע טאכטער, אין די יארן פון שידוכים, איז מיטאמאל קראנק געווארן מיט גאר א שווערע קראנקהייט, און די דאקטוירים קענען איר נישט ראטעווען. פון זייער זייט איז איר נישט געבליבן אסאך צייט צו לעבן, ביטע ראטעוועט מיר!"

דער מענטש האט געווארט אויפן רבי'ס ברכה, אבער עס האט זיך פארזוימט פון צו קומען.

"צו מיין ווייטאג, קען איך דיר נישט העלפן" - האט דער רבי' געזאגט.

"פארוואס?", האט דער מענטש זיך געוואונדערט, "די חכמים האבן דאך אונז געלערנט, אז 'צדיק גוזר והקב"ה מקיים'; איך גלייב באמונה שלימה, אז דעם רבי'ס ברכה וועט זיכער קענען טוישן דעם בילד".

"מיין טייערער פריינד", האט דער רבי אים געענטפערט, "ליידער, האסט פארפאסט די געלעגנהייט. איך האב דיר געבעטן איינמאל נאכן צווייטן דו זאלסט אויפהערן רעדן בשעת'ן דאווענען, און דו האסט פארשטאפט דיינע אויערן. אויב וואלסטו צוגעהערט צו מיינע ווערטער און געשוויגן בשעת'ן דאווענען, וואלטן יעצט געשטאנען טויזנטער מלאכים אויף דיין זייט און זיך אנגענומען פאר דיר און פאר דיין משפחה - דאס זענען די מלאכים וואס וואלטן באשאפן געווארן פון די 'אמנים' וואס דו וואלסט געענטפערט אויף די ברכות בשעת'ן דאווענען און די קדישים וואס דו האסט דערלייגט דורך דיין שלעכטע אויפפירונג.

אויף די מלאכים שטייט (תהלים צא יא): 'כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך'. אויב דו וואלסט זוכה געווען, וואלטן זיי יעצט געשטאנען, און מליץ יושר געווען אויף דיר, און זיך געבעטן פארן מלך מלכי המלכים, ער זאל שיקן א רפואה שלמה צו דיין טאכטער, אבער דו האסט מיט דיינע אייגענע הענט באשלאסן זיי צו פארלירן, איז וואס קען איך נאך טוהן?!"

הערנדיג די שארפע ווערטער האט דער מענטש אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין, ער איז געפאלן אויף דער ערד, און אנגעהויבן שרייען שרעקליכע געשרייען. - רבי - האט דער מענטש געזאגט דערנאך וואס ער האט זיך אביסל בארואיגט - ווען מיין טאכטער'ס לעבן בין איך גרייט צוזאגן מיט א 'תקיעת כף' אז פון דעם היינטיגן טאג ביז די טאג פון מיין פטירה וועל איך מער נישט רעדן נישט ביי חזרת הש"ץ, נישט ביים דאווענען, און נישט ביי קריאת התורה!".

"ביזסט טאקע גרייט צו צוזאגן?" - האט דער רבי געפרעגט, און דער מענטש האט איבערגעזאגט זיינע ווערטער: אוודאי בין איך גרייט צוזאגן מיט א תקיעת כף!"

א שטיק צייט איז דער רבי געווען פארזינקען אין זיינע געדאנקען, און דערנאך האט ער געזאגט פאר דעם מענטש: "אויב דו זאגסט באמת צו, קענסטו זיך אומקערן צו דיין הויז מיט א רואיגקייט, מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועט אלעס זיין גוט, דיין טאכטער וועט אינגאנצן געזונט ווערן".

מיט פרייליכע טריט איז דער מענטש ארויס פונעם רבי'נס צימער. דער מענטש האט מקיים געווען וואס ער האט צוגעזאגט און פון יענעם טאג האט ער אנגעהאלטן זיין קבלה טובה. און אזוי וואו דער רבי האט געזאגט איז געווען. נאך א שטיק צייט, זענען זיי נאכאמאל געווען ביי דעם דאקטער וואס האט באהאנדלט זייער טאכטער אויף נאך א סעריע פון טעסטן. ווען דער דאקטער האט באקומען די רעזולטאטן, האט ער זיי געזאגט ווען ער איז אינגאנצן געשאקט:

"דאס איז נישט די זעלבע מיידל וואס איז געווען ביי מיר מיט צוויי וואכן צוריק. דאס איז נישט די זעלבע מיידל. זי איז אינגאנצן געזונט געווארן!".

די זכות פון תפילה איז פאר איר בייגעשטאנען, און זי האט זוכה געווען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, מאריך ימים זיין און אויך זעהן א פערטן דור עמו"ש.

'בלבת אש' ח"ב עמ' קסח; 'זכרון בנימין זאב' עמ' סח

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

### ענטפערן אמן נאך די ברכת הזימון

**א. איינער וואס הערט ווי מען זאגט ברכת הזימון, און ער האט נישט געגעסן מיט זיי, זאל ענטפערן אמן ביי די ענדע פון ברכת הזימון, ד.ה. נאכן זאגן: "ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו", סיי ווען די פארזאמלטע זאגן עס, און סיי ווען דער מזמן זאגט עס. כאטש מען דערמאנט נישט דעם אויבערשטנ'ס נאמען און די מלכות שמים ביי די ברכה, ווייל לכתחילה האבן די חכמים מתקן געווען דער נוסח, דערפאר האט עס א דין אזוי ווי אנדערע ברכות.**

מקורות וביאורים:

דער 'טור' און 'שלחן ערוך' (קצה א, ע"פ ברכות מה ב) פסק'ענען אז דער וואס הערט אנדערע זאגן ברכת הזימון, אויב ער האט נישט געגעסן מיט זיי זאל ער ענטפערן נאך זיי אמן. און די פוסקים קריגן זיך אין דער טעם פארוואס מען האט געהייסן ענטפערן אמן. דער ט"ז (שם א) האלט אז מן הדין איז נישט קיין חוב צו ענטפערן אמן נאך די ברכה, ווייל מען דערמאנט נישט אין די נוסח הברכה דעם אויבערשטנ'ס נאמען און מלכות שמים. אבער ווייל עס איז נישט פאסיג אז דער וואס שטייט נעבן א גרופע וואס לויבן און דאנקן דעם אויבערשטן זאל שווייגן און נישט א טייל נעמען מיט זיי, האט מען מתקן געווען אז דער וואס הערט די מסובים זאגן "ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו" זאל ענטפערן אמן. אבער נאכן מזמן וואס זאגט איבער די נוסח זאל ער נישט ענטפערן אמן [אפילו ער איז אנגעקומען ווען דער מזמן האט געזאגט און האט נישט געענטפערט אמן נאך די מסובים], ווייל דעמאלטס שווייגן אויך די מסובים. אבער דער לבוש (שם א) האלט אז כאטש די חכמים האבן נישט מתקן צו דערמאנען דעם שם ומלכות ביי ברכת הזימון, איז עס א ברכה אזוי ווי אנדערע ברכות און מען דארף ענטפערן אמן. לויט דעם שרייבט דער 'דרך החיים' (הלכות סעודה) אז מען דארף ענטפערן אמן סיי נאך די מסובים וואס זאגן: "ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו", און סיי נאכן מזמן וואס זאגט איבער די ברכה, אזוי ווי די הלכה פון אלע ברכות וואס ווען מען הערט א ברכה איינמאל נאכן צווייטן פון צוויי מענטשן, דארף מען ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה עקסטער (ראה שו"ת 'בצל החכמה' ח"ה סי' צ). דער 'משנה ברורה' (שם, ובשער הציון' שם ג) נעמט אן ווי די וואס האלטן אז ברכת הזימון איז א ברכה ווי אלע ברכות, דערפאר דער וואס האט נישט געגעסן דארף ענטפערן אמן נאך די ברכת הזימון, סיי נאך די מסובים, און סיי נאכן מזמן.

ווען דער מענטש וואס האט נישט געגעסן הערט דעם מזמן זאגן "נברך שאכלנו משלו", דארף ער ענטפערן "ברוך הוא ומבורך שמו לעולם ועד", ווייל ווי אזוי זאל ער זאגן "נברך שאכלנו משלו" און ער האט נישט געגעסן? (שו"ע שם א). אבער נאכן ענדיגן זאגן, דארף ער ענטפערן אמן נאך די מסובים און אויך נאכן מזמן וואס זאגן "ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו" (משנ"ב שם ז).

•

**ב. די פוסקים קריגן זיך צי די מזמנים דארפן ענטפערן אמן נאך דער מזמן וואס זאגט איבער: "ברוך שאכלנו ובטובו חיינו". און למעשה איז דער מנהג נישט ענטפערן, כדי נישט מפסיק זיין צווישן ברכת הזימון און ברכת המזון. אבער אלע האלטן אז דער מזמן ענטפערט נישט אמן נאך די ברכה ווען עס ווערט געזאגט דורך די מסובים.**

מקורות וביאורים:

דער 'מגן אברהם' (ריש סי' קצב) שרייבט אז די פוסקים קריגן זיך צי מען זאל ענטפערן אמן ווען דער מזמן לאזט אויס "ובטובו חיינו", און דער 'משנה ברורה' (שם ג) שרייבט אז דער מנהג איז נישט צו ענטפערן. דער לבוש (קצח א) ערקלערט אז אויך די וואס האלטן אז ברכת הזימון איז א ריכטיגע ברכה, און וועגן דעם דער וואס הערט ברכת הזימון און זאגט נישט מיט, דארף ענטפערן אמן, פון דעסטוועגן פאר די מזמנים אליין האבן די חכמים נישט מתקן געווען צו ענטפערן אמן, כדי מען זאל נישט מפסיק זיין צווישן ברכת הזימון און ברכת המזון.

אבער אלע האלטן אז דער מזמן זאל נישט ענטפערן אמן נאך די מסובים ווען זיי זאגן "ובטובו חיינו", ווייל ער זאגט דאך אויך דעם נוסח "ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו" ('שלחן ערוך' הרב שם ב; 'שער הציון' שם ב).

# גדול העונה

## פון די ווערטער פון רבנים און צדיקים אויף ענטפערן אמן

(המשך מעלון ויחי)

ביי די מעמד פון די 'סנה', שרייבט די תורה (שמות ג ו): "ויסתר משה פניו כי ירא מהביט אל האלקים". שטייט אין מדרש (שמו"ר ג א) אין די שכר וואס משה האט באהאלטן זיין פנים האט ער זוכה געווען אז השי"ת זאל רעדן מיט אים "פנים אל פנים" (שמות לג יא), און ארויפגיין אין הימל מקבל זיין די תורה און זיך אויפהאלטן דארט פערציג טעג און נעכט און נהנה זיין פון זיו השכינה.

דער מדרש מיינט זאגן אז משה האט זוכה געווען מקבל זיין די תורה מיט אזא אויסערגעווענליכע נאנטקייט, ווייל ער האט מכבד געווען דעם אויבערשטן אויף א אויסטערלישן אופן, מיט דעם וואס ער האט באהאלטן זיין פנים.

פון די מדרש לערנען מיר אז ווי מער דער מענטש וועט זיך אנשטרענגען מכבד זיין דעם אויבערשטן, וועט דאס אים העלפן ער זאל מקבל זיין די תורה און נהנה זיין מזיו השכינה.

אויב מיר ווילן מכבד זיין הקב"ה, קענען מיר דאס טוהן דורך דעם וואס מיר וועלן מקפיד זיין זאגן די ברכות מיט כוונה - וואס דאס איז א קלארע עדות אז ער איז דער "מלך העולם" און אלעס קומט פון אים, און דורך דעם וואס מיר וועלן מקפיד זיין ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה מיט אזא התלהבות וואס וועט ארויסברענגען אז מיר גלייבן, פארשטייען און טוהן איינערקענען אז אלעס קומט פון הקדוש ברוך הוא.

אויב מיר וועלן מקפיד זיין אויף דעם, וועט פארמערט ווערן כבוד שמים דורך אונז. ווייל יעדע אמן האט אין זיך א ריבוי כבוד שמים און א עדות אז הקדוש ברוך הוא איז "א-ל מלך נאמן", און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו באקומען הילף פון הימל צו מקבל זיין די תורה און נהנה זיין פון זיו השכינה [און זעה אין רבינו בחיי (שמות יד ל) וואס שרייבט אז דער פסוק (שמואל-א' ב ל): "כי מכבדי אכבד" איז געזאגט געווארן אויף דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן].

אויסער דעם, מיט די הנהגה ווערט מער שטערקער מקויים די גרויסע ענין פון "תנו עוז לאלקים" (תהלים סח לה), אזוי ווי רבי חיים וואלאזשינער ברענגט ('נפש החיים' שער ב פרק ד) אין נאמען פון זוהר הקדוש (זוה"ח רות קה ב), אז מיטן זאגן די ברכות געבן מיר צו כח אין פמליא של מעלה, אין א בחי' פון "ועוזו בשחקים", און דאס איז אויך די טיפע באדייט פון ענטפערן אמן.

ברוך ה' אז עס זענען פאראן מענטשן אין אונזער דור וואס האבן זוכה געווען צו פארשטיין די טיפקייט פון די מעלה פון ענטפערן אמן און העלפן מיט אלע זייערע כוחות צו פארשפרייטן אויף דער וועלט די געוואלדיגע מעלה פון דעם, דאס וועט זיכער צוברענגען עס זאל זיך פארמערן השראת השכינה אויף דער וועלט און עס זאל צוקומען נאך כח אין פמליא של מעלה, און די זכות וועט זיכער דערנענטערן די גאולה השלימה בקרוב בימינו, אמן.

פון זיינע ווערטער ביי א צוזאמקום פון 'בני אמונים' אב תשע"ה



**הגאון רבי משה הלל הירש שליט"א**
ראש ישיבת סלבודקא

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### דער וואס ענטפערט אמן ווערט אנגערופן 'שומר אמונים'

אויף דעם פסוק (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים", דרש'ענען די חכמים (שבת קיט ב): "אל תקרי שומר אמונים אלא שאומרים אמן".

רבי יצחק סבאג ראש ישיבת 'כתר תורה' אין מעקנאס וואס איז אין מאראקא ערקלערט: די גמרא מיינט נישט צו זאגן אז מען דארף אנדערשט ליינען דעם פסוק, אזוי ווי עס ווערט פארטייטש 'אל תקרי' אין אנדערע פלעצער אין ש"ס. נאר עס קומט זאגן אז די ווערטער 'שומר אמונים' ווערן פארטייטש פשוט אויף דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן. און דאס זאגן חז"ל: "אל תקרי שומר אמונים", ד.מ. מען קען נישט אנרופן מיט די געהויבענע טיטל "שומר אמונים" נאר איינער וואס "שאומרים אמן" ('רב רבנן' עמ' 229).

### "אל יחסרנו" אפילו פון ענטפערן איין אמן

עס ווערט דערציילט אויפן צדיק רבי לייב חסיד פון טעלז וואס איז אמאל געפארן ביז די שטאט ווילנא צו זאמלען געלט פאר זיין טאכטער'ס חתונה. ווען ער איז געקומען קיין ווילנא, איז ער צום ערשט ארײַן באזוכן דעם ווילנער גאון. זייענדיג ביים גאון אין שטוב האט ער באמערקט אז נאכדעם וואס דער מברך האט געענדיגט זאגן די פערטע ברכה ביי ברכת המזון, די ברכה 'הטוב והטוב', מיט די ווערטער: "לעולם אל יחסרנו", האט דער גאון געענטפערט אמן. דאס איז געווען א גרויסער חידוש אין רבי לייב'ס אויגן; נאר יעצט, ווען ער האט געזעהן א 'מעשה רב', האט ער פארשטאנען, אז די בקשות פון 'הרחמן' זענען נישט א טייל פון די ברכה 'הטוב והמטיב', נאר די ברכה ענדיגט זיך מיט די ווערטער "אל יחסרנו" (ראה 'אבן האזל' ברכות ב ז).

צו אלעמען'ס וואונדער האט רבי לייב תיכף נאכן געזעגענען זיך מיט'ן גאון זיך געאיילט צוריק צו זיין שטוב. זיין פאמיליע האבן זיך געוואונדערט אז ער האט זיך געאיילט אהיים קומען, זיי זענען געווען זיכער אז ער האט געהאט א אויסטערלישע הצלחה אין זיין רייזע און ער האט געקענט צוזאם שטעלן אין אזא קורצער צייט די גאנצע סומע וואס ער דארף. אבער רבי לייב האט נישט געענטפערט, נאר געבעטן מען זאל צושטעלן א סעודה. ביי די ענדע פון די סעודה האט ער געעפנט דאס מויל און זיי דערציילט מיט התרגשות דעם חידוש וואס ער האט געברענגט פון דעם גאון'ס הויז, אז די ברכה 'הטוב והמטיב' ענדיגט זיך מיט די ווערטער "אל יחסרנו", און מען דארף ענטפערן אמן.

"איך האב זיך געאיילט צוריק אהיים קיין טעלז, כדי ענק זאלן חלילה נישט פארלירן איין אמן אויף די ברכה, אויב נאר איין טאג", האט רבי לייב ערקלערט, און צוגעגעבן: "כאטש איך האב נישט מיטגעברענגט געלט פאר אונזער טאכטער'ס חתונה, אבער פיל חשובער פון דעם - די זכות צו ענטפערן אמן - האב איך געברענגט! אויב די געלט אויף די חתונה וועט זיך פארשפעטיגן צו קומען, וועט גארנישט פאסירן, אבער יעדער טאג פון פארלירן אמן, אפילו נאר אויף איין ברכה, איז א גרויסע פארלוסט" ('עליות אליהו' מעלות הסולם הערה כב).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די חשובע רעדאקציע פון דעם מכובד'יגן גליון 'וכל מאמינים', שלום וברכה

א דאנק אויפן ארויסגעבן דעם אינוועסטירטן בלעטל וואס ווערט דערלאנגט יעדע וואך פאר די אוהבי תורה ויראי ה'.

עס איז באקאנט אין נאמען פון קאזיניצער מגיד, און ענק האבן דאס שוין ציטירט עטליכע מאל אין אייער גליון, אז די אותיות נאך די אותיות 'אמן' זענען די אותיות 'בנס'. און איך האב געטראכט צו לייגן, אז אמן איז דער ר"ת פון "ניסים אין מספר", עס איז נישט קיין ספק אז דאס אידישע פאלק איז זוכה צו ניסים אן קיין צאל, אדאנק די התחזקות אין ענטפערן אמן.

איך וועל צוגעבן און זאגן, בדרך צחות פארשטענדליך, אז די עצם פאקט אז איר געבט ארויס יעדע וואך א גליון אויף די טעמע פון ענטפערן אמן, און ברענגט שטענדיג פערל ווערטער און וואונדערליכע חידושים אין די ענין פון איין ווארט, קען אליין גערעכנט ווערן ווי א נס. און דאס קומט אונז צו לערנען איבער די גרויסע מעלה פון די מצוה.

מיט שעצונג

**שמואל יפה**

**ירושלים**

מען קען שיקן בריוו צו די:
פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס:
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### רבי ר' זושא פון האניפאלי
#### ב' שבט תקס"ס



די מצבה פון רבי ר' זושא פון האניפאלי

דער רבי ר' משולם זוסיא פון האניפאלי, איז געבוירן געווארן אין יאר ת"צ, אין די שטוב פון זיין פאטער, דער געוואלדיגער בעל חסד רבי אליעזר ליפא [ליפמאן].

פון זיין יוגנט האט ער געזוכט דעם אמת, און אין זיין יוגנט, צוליב וואס זיין פעטער רבי אלימלך פיילט, איז געווען דער משמש בקודש ביים מעזריטשער מגיד, האט זיך נשמה זיין אויך באאפטן צום הייליגן מגיד און איז געווארן איינער פון זיינע חשוב'סטע תלמידים. אין זיין פוס טריט איז נאכגעגאנגען זיין יונגערער ברודער דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק.

זיין רבי דער מגיד האט אויף אים געזאגט אז ער זאל נישט פירן אן עדה "ווייל ער איז שווין העכער פון דער ענין" ('ארץ צבי' [ת"א תשמ"ד] מועדים עמ' רפז). דער בעל התניא וואס דער רבי ר' זושא האט געגעבן א הסכמה אויף זיין ספר, האט זייער מפליג געווען די געוואלדיגע מאס יראת שמים וואס ער האט פארמאגט ('בוצינא קדישא' אות כו). זיין לעבנ'ס געשיכטע און דברי תורה זענען געדרוקט געווארן אין די ספרים 'מנורת זהב' און 'בוצינא קדישא'.

ווי באקאנט האט ער אויף זיך אונטערגענומען גיין גלות איינעם מיט זיין ברודער דער רבי ר' אלימלך, און דורך דעם האבן זיי צוריקגעברענגט פארוואפרענע נשמות צו זייער אפשטאם און מחזיר בתשובה געווען אסאך אידן.

אין זיינע לעצטע יארן איז ער קראנק געווארן. ער איז נסתלק געווארן ב' שבט תקס"ס, און באערדיגט געווארן אין האניפאלי, נעבן זיין רבי'ן דער מגיד פון מעזריטש.

### די נשמה פון דער מלאך ווערט באשאפן פון ענטפערן אמן

די ווערטער פון חז"ל (ברכות נג ב) אז די מעלה פון דער וואס ענטפערט אמן איז א ברכה איז גרעסער פון דער מברך אליין, ערקלערט אזוי דער רבי ר' זושא פון האניפאלי:

כאטש די מלאכים זענען רוחניות'דיגע באשעפענישן, האבן זיי אויך א גוף און א נפש. אבער, אנדערשט פון א מענטש, וואס זיין קערפער איז צוזאם געשטעלט פון גשמיות'דיגע יסודות, און נאר זיין נשמה איז רוחניות'דיג, ביי די מלאכים - איז זייער קערפער אויך פון א רוחניות'דיגע עלעמענט (זעה אין ספרי האזינו פיסקא שו). לויט דעם קען מען מסביר זיין די חילוק צווישן דעם מברך און דער וואס ענטפערט אמן: דער מברך באשאפט מיט זיין ברכה דעם קערפער פונעם מלאך, און דורך ענטפערן אמן "וואס דאס איז די פנימיות פון די כוונה פון די ברכה" ווערט באשאפן די נשמה פונעם מלאך וואס געבט אין אים אריין חיות. דעריבער "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

אבער דער ר"ר זושא לייגט צו און זאגט: אפילו ווען א מענטש איז אליין און האט נישט ווער עס זאל ענטפערן אמן אויף זיין ברכה, מוז נישט זיין אז דער מלאך וואס ער האט באשאפן מיט זיין ברכה וועט בלייבן אן א נשמה. ווייל אויב ער זאגט די ברכה מיט התלהבות קען ער זוכה זיין צו באשאפן די נשמה פונעם מלאך. אויף דעם זאגט דער פסוק (איוב כג יג): "והוא באחד ומי ישיבנו ונפשו אותה ויעש", וואס ביי דעם נוסח פון די ראש השנה'דיגע תפילות ענדיגט מען מיט די ווערטער "נורא וקדוש"; "והוא באחד" - ווען דער מענטש איז אליין, "ומי ישיבנו" - און ס'איז נישטא ווער עס זאל ענטפערן נאך אים אמן, דעמאלטס אויב "ונפשו אותה" ער זאגט די ברכה מיט בענקעניש, דעמאלטס "ויעש נורא וקדוש", באשאפט ער מיט זיין ברכה אויך די נפש פונעם מלאך ('אור התורה' [לבעל ה'צמח צדק'] מאמרי רז"ל ועניינים עמ' נד).